אויפצושטיין תחית המתים, וועט אָנזאָגן אַ ליכט
צום (יידישן) פאָלק און צו די גוים.

24 און בשעת ער האָט אַזוי גערעדט צו זיין פאַרטיי־
דיקונג, האָט פעסטוס געזאָגט מיט אַ הויך קול:
פּוילוס, דו ביסט אַראָפּ פונם זינען; דאָס פילע
25 לערנען דערפירט דיך צו שגעון. פּוילוס אָבער
האָט געזאָגט: איך בין נישט אַראָפּ פונם זינען, אָ
נאָבעלער פעסטוס, נאָר איך רעד ווערטער פון
26 אמת און ניכטערקייט. וואָרום וועגן די דאָזיקע זאַכן,
ווייסט דער קעניג, צו וועמען איך רעד אויך מיט
פתחון־פה; וואָרום איך בין בטוח, אַז פון די דאָזיקע
זאַכן איז אים גאָרנישט פאַרהוילן, ווייל עס איז
27 נישט געטון געוואָרן אין אַ ווינקל. קעניג אַגריפּאַ,
צי גלויבסטו די נביאים? איך ווייס, אַז דו גלויבסט!
28 און אַגריפּאַ (האָט געזאָגט) צו פּוילוסן: עס פעלט
נישט קיין סך, און דו האָסט מיך איבערגערעדט
צו ווערן אַ משיחי! און פּוילוס (האָט געזאָגט):
29 הלואי, זאָל ג־ט געבן, צי מיט ווייניק צי מיט אַ
סך, אַז נישט נאָר דו אַליין, נאָר אויך אַלע, וועלכע
הערן מיך היינט, זאָלן ווערן אַזעלכע, ווי איך בין,
(נאָר) אָן די דאָזיקע קייטן.

30 און דער קעניג איז אויפגעשטאַנען און דער
גובערנאַטאָר און בערעניקאַ און די, וואָס זענען
31 געזעסן מיט זיי; און בשעתן אַוועקגיין, האָבן זיי
גערעדט איינס מיטן אַנדערן, אַזוי צו זאָגן: דער
דאָזיקער מענטש האָט גאָרנישט געטון, פאַר וועלכן
32 ער זאָל זיין חייב מיתה אָדער קייטן. און אַגריפּאַ
האָט געזאָגט צו פעסטוסן: דער דאָזיקער מענטש
וואָלט געקענט באַפרייט ווערן, אויב ער וואָלט
נישט אַפּעלירט צום קיסר.